ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראֹשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית

תשפ"ד

318

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וִוי אַזוֹי וַוייזְט מֶען אוֹיף דִי סֵפֶר תּוֹרָה בַּיי הַגְבָּהָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פִּירְט זִיךְ וֶוען מֶען מַאכְט הַגְבָּהָה מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אַז עֶר וַוייזְט נִישְׁט מִיט דִי קְלֵיינֶע פִינְגֶער אַזוֹי וִוי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, נָאר עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי צִיצִית אוּן וַוייזְט מִיט דִי צִיצִית; אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס אִיז דֶער מְקוֹר צוּ דֶעם?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס מֶען טוּט וֶוען מֶען לֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט אָן דִי טַלִית, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיי אַ תַּעֲנִית בַּיי מִנְחָה; וָואס טוּט מֶען דֶעמָאלְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו, דִי נִיגוּנִים אוּן דִי דְרָשׁוֹת, וָואס זֶענֶען מִיךְ מְחַיֶה אוּן בְּרֶענְגֶען מִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי הַגְבָּהָה אִיז דָא כַּמָּה מִנְהָגִים; עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ וַוייזְן אוֹיפְן סֵפֶר תּוֹרָה מִיטְן קְלֵיינֶעם פִינְגֶער, עֶס זֶענֶען דָא וָואס וַוייזְן מִיטְן אֶצְבַּע - דִי עֶרְשְׁטֶע פִינְגֶער נָאכְן דִיקְן פִינְגֶער, אוֹיךְ זֶענֶען דָא וָואס וַוייזְן מִיט דִי צִיצִית אוּן זֵיי גֶעבְּן אַ קוּשׁ דִי צִיצִית.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פוּן הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, אַ טַעַם

אוֹיף דֶעם וָואס מֶען וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער בַּיי הַגְבָּהָה. וֶוען מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִי סֵפֶר תּוֹרָה זָאגְט מֶען דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים ד, מד): "וְזֹאת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר שָׂם מֹשֶׁה לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", דֶער פָּסוּק שְׁטֵייט בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עָרֵי מִקְלָט. ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶע'הַרְגְ'עֶט אֵיינֶעם אוּמְווילְנְדִיג דַארְף עֶר אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי עָרֵי מִקְלָט אוּן דָארְט זִיךְ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם גוֹאֵל הַדָּם, אוּן דִי תּוֹרָה זָאגְט בַּיי עָרֵי מִקְלָט (שָׁם יט, ג): "תָּכִין לְךָ הַדֶּרֶךְ", מֶען זָאל אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן 'מִקְלָט' 'מִקְלָט' אַז עֶס זָאל זַיין גְרִינְג פַאר דִי רוֹצְחִים זִיךְ צוּ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען; לִכְאוֹרָה, ווִי קוּמְט אַריין בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עָרֵי מִקְלָט דֶער פָּסוּק: "וְזֹאת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר שָׂם מֹשֶׁה לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"? נָאר דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז, אוֹיבּ מִיר ווִילְן זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, מִיר זוּכְן אַן עִיר מִקְלָט, אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר קֶענֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן - "וְזֹאת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר שָׂם מֹשֶׁה לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", דִי תּוֹרָה אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן, זִיךְ בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען מַאכְט זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא - וֶוערְט מֶען בַּאשִׁיצְט פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע פַּיין; דֶערִיבֶּער וַוייזְט מֶען מִיט דִי פִינְגֶער צוּ דִי תּוֹרָה, אַ בְּחִינָה פוּן "תָּכִין לְךָ הַדֶּרֶךְ", אַלֶע טַייטְלֶען מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי תּוֹרָה, ווִי צוּ זָאגְן: "דָאס אִיז דִי עָרֵי מִקְלָט", וְדִבְרֵי פִּי חָכָם חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פַארְוָואס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט "הִתְבּוֹדְדוּת שְׁטִיבְּלֶעךְ" אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְלֶעג דַאוֶוענֶען אַלֶע יָארְן אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שׁוּל, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע יָאר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן

דִי שׁוּל, אָבֶער אֵיין זַאךְ וואוּנְדֶערְט מִיר, פַאְרוָואס אִיז נִישְׁטָא קֵיין הִתְבּוֹדְדוּת שְׁטִיבְּלֶעךְ אַזוֹי וְוִי אִין דִי אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שׁוּלְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע מַדְרֵיגוֹת. "דְּהַיְנוּ לִקְבֹּעַ לוֹ עַל כָּל פָּנִים שָׁעָה אוֹ יוֹתֵר, לְהִתְבּוֹדֵד לְבַדּוֹ בְּאֵיזֶה חֶדֶר אוֹ בַּשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים מְקָרֵב זַיין, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן - אוֹיף אִידִישׁ, דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ", וַוייל אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, "וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ", וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קֵיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, אָבֶער אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, לְמָשָׁל מִיר וָואס מִיר רֶעדְן אִידִישׁ - זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ.

דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת שְׁטִיבְּלֶעךְ הָאט רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער הַשֵּׁם יִנְקֹם דָּמוֹ אַיינְגֶעפִירְט אִין פּוֹילְן, עֶר הָאט גֶעבּוֹיט קְלֵיינֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ אִינֶעם בֵּית

הַמֶּדְרָשׁ אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן עַד הַיּוֹם אִיז דָא בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּלֶעךְ וָואס מַאכְן דָאס נָאךְ, דִי קְלֵיינֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וואו אִימֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט מִיט הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי וֶועלְוְול חֶשִׁין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט עֶר אַלְץ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר דַארְף מַאכְן אַ וִויכְטִיגֶע טֶעלֶעפָאן רוּף, דֶעמָאלְט פְלֶעגְט זַיין אוֹיף דִי גַאסְן בַּיי יֶעדֶע ווינְקֶל אַ קְלֵיין שְׁטִיבֶּעלֶע מִיט אַ טֶעלֶעפָאן, עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְגֵיין פַאר אַפָּאר מִינוּט אוּן נָאכְדֶעם וַוייטֶער גֵיין מִיט מוֹהֲרָא"שׁ נָאךְ גֶעלְט. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'מִיט וֶועם דַארְף עֶר זִיךְ פַארְבִּינְדְן אַ גַאנְצְן צַייט? מִן הַסְּתָם אִיז דָאס הִתְבּוֹדְדוּת', מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווי עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז מֶען קוּמְט צוּ אַ שְׁטִיבֶּעלֶע, נָאר וואו אִימֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ - קֶען מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן זִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אִיךְ גֶעדֶענְק אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ אִין לוּפְט-פֶּעלְד אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד דָא, טְרַאכְט בַּיי זִיךְ 'דִי גַאנְצֶע לוּפְט-פֶּעלְד אִיז אַ וַואלְד אוּן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען חַיּוֹת', אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד דָא"; דֶער לִימוּד הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז מֶען טְרֶעפְט אַ שְׁטִיבְּל אוּן נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דִי חֲבֵרִים פָארְן אִין פֶעלְד, נָאר וואו מֶען גֶעפִינְט זִיךְ - זָאל מֶען פוּן דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**ווי אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ וֶוען טוּט אָן תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תַּם?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס לֵיינְט אַייעֶרֶע בְּרִיוְון אוּן הֶערְט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים. אִיךְ פְּרוּבִיר יֶעדְן טָאג אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם; עֶס קוּמְט מִיר אָן שְׁוֶוער, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע, אִיךְ טוּ עֶס אָן נָאר פַאר אֵיין מִינוּט אוּן אִיךְ גֶעבּ עֶס שְׁנֶעל צוּרִיק פַאְרן בַּעַל הַבַּיִת.

אִיךְ וִויל ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ וֶוען מֶען טוּט אָן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם, דַארְף מֶען זָאגְן דֶערְמִיט אַלֶע פִיר פַּרְשִׁיּוֹת, אָדֶער נִישְׁט? עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַלֶע פִיר פַּרְשִׁיּוֹת מִיט דִי תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוען מֶען פְרֶעגְט זֵיי ווִי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב - זָאגְט מֶען: "קוּק אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - וֶועסְטוּ זֶען ווִי מֶען פִּירְט זִיךְ"; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, נִישְׁט זִיךְ אַוֶועק רִירְן פוּן דִי הֲלָכָה.

דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן לד, סְעִיף ב): "אַחַר הַתְּפִלָּה יָנִיחַ שֶׁל רַבֵּינוּ תַּם בְּלֹא בְּרָכָה", נָאכְן דַאוְונֶען זָאל מֶען לֵייגְן תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם, "וְיִקְרָא בָּהֶם שְׁמַע וְהָיָה אִם שָׁמוֹעַ", אוּן מֶען זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה זָאגְט (סְעִיף קָטָן טז): "וּבִתְפִלִּין דְּרַבֵּינוּ תַּם יֹאמַר כָּל הַד' פַּרְשִׁיּוֹת. וּמִנְהָג יָפֶה הוּא".

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם אַ סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט) אַז מֶען אִיז

מְחוּיָב צוּ טוּן יֶעדְן טָאג, לֶערְנֶען הֲלָכָה; אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דָא אִיז נִישְׁט קַיין חֲסִידוּת וִוי אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶר מַאן קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה - אִיז עֶר נִישְׁט קַיין מִתְנַגֵד אוּן נִישְׁט קַיין חָסִיד שֶׁנָּפַל. טְרַייבְּט נִישְׁט אִיבֶּער; אִיר הָאט אַ טַייעֶרֶער מַאן, אַ גָאלְדֶענֶע הַארְץ.

דָא אִיז נִישְׁט קַיין חֲסִידוּת וִוי אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים; דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען פַאר בָּחוּרִים, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט פַאר אִינְגֶעלַייט; וָואס דַארְפְט אִיר זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אַייעֶר גֶעזוּנְט אַז אַייעֶר מַאן גֵייט נִישְׁט צוּ דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה׳ס שִׁיעוּרִים?!

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר זֶען נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית בַּיי הָרַב יַעֲקֹב לֶעזֶער נֵרוֹ יָאִיר, וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל "יִשְׂרָאֵל בֶּן שָׂרָה", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֲבִי הַבֵּן הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְּקָאוּת, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן יְשׁוּעוֹת.

בַּיים בְּרִית הָאבְּן מִיר גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ הֶערְן דִּבְרוֹת קוֹדֶשׁ פוּן זַיין גְרוֹיסְן טַאטְן, הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, דוּרְךְ אַן הוֹקָאפּ. עֶר הָאט גֶעזָאגְט בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים מֶען זָאל אַרַיינְקוּקְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ (דְּבָרִים כג, ו): "וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן בִּלְעָם, "וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי קְלָלוֹת צוּ בְּרָכוֹת, "כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מִיר דַארְפְן חַזֶר'ן דִי וֶוערְטֶער 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ'. אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן בַּיי בִּלְעָם, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען אִין בְּלָאטֶע, זָאל מֶען וִויסְן - 'כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ"; דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַזוֹי גוּט צוּ הֶערְן, וַוייל דָאס אִיז וָואס פֶעלְט; מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם צֶעבְּרָאכְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס פוּן הֶחָתָן מָרְדְּכַי לֵייבּ נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי צְוֵוייטֶע מָאל שַׁ"ס, אַ גוּטֶע הֲכָנָה צוּ זַיין חֲתוּנָה; עֶר הָאט חֲתוּנָה דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג. דֶער חָתָן אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ, עֶר הָאט אַסַאךְ מֵפִיץ גֶעוֶוען אִין דִי צְוֵויי יָאר וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַ פְרִישֶׁע גֵייסְט צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים, אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה; עֶר גֵייט צוּ זַיין חֲתוּנָה מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִלְיוֹנוֹת אוּן נָאךְ - וָואס עֶר

הָאט מְזַכֶּה גֶעוֶוען נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אַשְׁרֵי לוֹ! זַיי דוּ אוֹיךְ מֵפִיץ, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף אַנְדֶערֶע; זָאלְן אַלֶע הָאבְּן דֶעם גוּטְן לֶעבְּן, דִי זִיסֶע עֵצוֹת.

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען בַּאזוּכְן אִין תְּפִיסָה מִיט דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל וָואס גֵייעֶן כְּסֵדֶר אִין תְּפִיסָה מְחַיֶ׳ זַיין דִי אַיינְגֶעשְׁפַּארְטֶע אִידְן; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַ טֵייעֶר פָּאלְק; עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט וָואס אַ אִיד אִיז. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ בָּחוּר וָואס זִיצְט שׁוֹין אַפָּאר יָאר אוּן עֶס וַוארְט אִים נָאךְ אַסַאךְ יָאר, מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן הֲלָכוֹת וָואס אִיז אִים שַׁיָּיךְ אִין תְּפִיסָה. אֱמוּנָה רַאטֶעוֶועט אִים, נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען עֶר אָנְגֵיין, נָאר מִיט אֱמוּנָה אִיז עֶר בַּיים זִינֶען; עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ, שְׁמֵייכְלְט אוּן הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶענְטְשְׁן זָאגְן ׳עֲצָתוֹ אֱמוּנָה׳ אִיז זֵייעֶר לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים - פַאר דִי וֶועלְט; אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן שְׁרַייבְּן מִיר אַז זֵייעֶר גַאנְצֶער עֹנֶג שַׁבָּת אִיז דִי בְּרִיוו, אַ וָואךְ וָואס פֶעלְט זֵיי דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - פֶעלְט זֵיי מַמָּשׁ אַ חֵלֶק פוּנֶעם שַׁבָּת, וַוייל דִי בְּרִיוו אִיז זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵייעֶר וֶועג ווייזֶער, זֵייעֶר הִתְחַזְּקוּת, דִי בְּרִיוו הַאלְט זֵיי בַּיים לֶעבְּן.

בְּעֶת דֶעם מֶעלֶער זָאל מַאכְן אַ בִּילְד פוּן אַ מַאנְסְטֶער (יֵצֶר הָרָע) אוּן וִוי אַרוּם אִים זֶענֶען דָא אִינְגְלֶעךְ מִיט גֶעקְרֵייזְלְטֶע פֵּיאוֹת, מִיט ד׳ מִינִים, אוּן שְׁטֶעכְן אִים מִיטְן שְׁפִּיץ פוּן לוּלָב, אוּן דֶער מַאנְסְטֶער שְׁרֵייט וִוי עֶס טוּט אִים וֵויי.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גֵייט אִין גַאס אוּן זֶעט וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן אוּן וֵויינְט זֵייעֶר: ״אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס וֶועט דָא זַיין, עֶס קוּמְט

יֶעצְט יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אוּן אַלֶע גֵייעֶן שָׁאקְלֶען דִי ד׳ מִינִים אוּן מֶען גֵייט מִיךְ צֶעשְׁטֶעכְן..." אַזוֹי זָאגְט דֶער יֵצֶר הָרָע פַאר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ.

קוּמֶענְדִיגֶע טָאג זֶעט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן, עֶר טַאנְצְט אוּן לַאכְט: "הָא הָא, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ לָאךְ אִינֶעם שִׁיף וָואס בְּרֶענְגְט דִי אֶתְרוֹגִים מִיט לוּלָבִים, אוּן דִי שִׁיף הָאט אַייְנְגֶעזִינְקֶען, הַהַהַהַהַהַאא הַאאאאאא, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין ד׳ מִינִים, הַאא הַהַהַא אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא מֶער פוּן דִי אִידְן".

נָאךְ סוּכּוֹת טְרֶעפְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ נָאכְאַמָאל דֶעם יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, זֵייעֶר צֶעבְּלוּטִיגְט, עֶר זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ וֶועל דֶערְטְרֶענְקֶען דִי שִׁיף מִיט דִי ד׳ מִינִים, אָבֶּער דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ פָּאר סֶעטְס ד׳ מִינִים אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַ גַאנְץ סוּכּוֹת מִיט אַזַא שִׂמְחָה, אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען לַאנְגֶע שָׁעוֹת אוּן גֶעוַוארְט צוּ קֶענֶען גֶעבְּן אֵיין שָׁאקֶל מִיט דִי ד׳ מִינִים, דָאס הָאט מִיךְ אַזוֹי צֶעשְׁטָאכְן, דָאס הָאט מִיךְ אַזוֹי צֶעבְּלוּטִיגְט..."

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר גוּט צֶעשְׁטֶעכְן דֶעם יֵצֶר הָרָע מִיט אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת, לָאמִיר אִים צֶעבְּלוּטִיגְן דוּרְךְ דֶעם וָואס מִיר וֶועלְן שָׁאקְלֶען דֶעם לוּלָב מִיט שִׂמְחָה, לָאמִיר טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען: "אוֹי וִוי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד, אוֹי וִוי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד!"

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר. אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר עֶנְק בֵּיידֶע בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין אוּמַאן, אִיךְ הָאף צוּ הֶערְן בַּיי עֶנְק גוּטֶע נֵייעֶס וִוי שְׁנֶעלֶער.

לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן אַז דוּ בִּיסְט שְׁפֶּעט אוּן עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין מִנְיָן - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַּאר דִיר דוּ זָאלְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָימָא אוּן הָאבְּן הַצְלָחָה.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## רֶעדְן נָאר אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן; דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן זֶען פוּן דִיר אַסַאךְ נַחַת.

חַבֶר זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער וָואס רֶעדְן אֵיידְל אוּן טְשֶׁעפֶּען נִישְׁט אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## חֲסִידִי״שֶׁע לֵצִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְס פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד ... - נֵרָם יָאִיר

אִיךְ וִויל אִיר זָאלְט אָנְצִינְדְן בַּיים טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער נָאר נִיגוּנִים פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אויף קֶענְט איר אָנְצִינְדְן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער מְנַהֵל זָאגְט מֶען קֶען אָנְצִינְדְן; קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאכְן קֶען מֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן בַּיים טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער, נָאר וָואס דֶער מְנַהֵל אוּן דִי מְנַהֶלֶת זֶענֶען מְאַשֵׁר. הַיינְט זֶענֶען דָא לֵצִים, אִינְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי אוֹיס חֲסִידִי"שׁ אוּן פוּן אִינֶעוֵוייניג זֶענֶען זֵיי דוּרְכְגֶעפוּילְט אוּן זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער אִיז סַם פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### בַּאגְרִיס דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בַּאס דְרֵייוֶוער פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד

אוֹיב דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג טָאר מֶען דָאס נִישְׁט אַדוּרְכְלָאזְן, נִישְׁטָא בַּיי דֶעם מָחוֹל עַל כְּבוֹדוֹ, אִיךְ וִויל קִינְדֶער בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ.

יֶעדֶע פְּרָט וָואס דוּ זֶעסְט בַּיים טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מְנַהֵל, אוּן בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ - מִיט דִי מְנַהֶלֶת. אִיךְ וִויל נִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער עַזּוּת פָּנִימ'ער, אִיךְ וִויל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

בַּאגְרִיס יֶעדֶע קִינְד מִיט אַ וַוארֶעמֶע "אַ גוּטְן מָארְגְן" אוּן "אַ גוּטְן טָאג"; פַארְגִין אַ שְׁמֵייכְל פַּאר יֶעדְן קִינְד, בְּרֶענְג אַרַיין אַ חַיּוּת אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אַ נָאנְטֶע שַׁייכוּת מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין אַרְבֶּעט אִיז מוּטִיגְן דִי מְלַמְּדִים אוּן זֶען אַז זֵיי זָאלְן טוּן דִי אַרְבֶּעט בֶּנֱאֱמָנוּת; זַיין צַייטְלִיךְ אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער. (אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַאוּנְסְלֶערְס פַאר מְלַמְּדִים, אִיךְ דַארְף מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער).

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס זָאלְסְט יֶעדְן טָאג גֶעבְּן אַ מְלַמְּדִים שְׁמוּעֶס, עֶס אִיז בֶּעסֶער זָאלְסְט גֶעבְּן אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ שְׁמוּעֶס.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְפֶּעלְן אֵיין טָאג רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער בַּיי מִיטָאג, זָאלְסְט הָאבְּן אַ נָאנְטֶע שַׁייכוּת מִיט דִי קִינְדֶער.

אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ מַאכְן אַ גִלְיוֹן - וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן, אָבֶער אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ רֶעדְן מִיט אַ קִינְד אָדֶער מִיט אַ מְלַמֵּד - אִיז אַ חוּרְבָּן לְדוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### וֶוען הָאט דֶער רֶבִּי אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם ׳סֵפֶר הַמִידוֹת׳?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי אוּן וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר הַמִידוֹת; עֶס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אַ אִיד ר׳ דָוִד חַיָ׳לֶעס, עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיטְן רֶבִּי׳ן אוּן דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי׳ן מַעֲשִׂיוֹת אוּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אִין אַלְטֶע סְפָרִים, עֶר הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי רֶעאַגִירְט אוֹיף דִי מַעֲשִׂיוֹת; אַמָאל פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אוֹיפְהֵייבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוּן זָאגְן: ״דָאס אִיז רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ״, אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֶקְסְטֶערֶע תְּנוּעָה.

אַמָאל הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט גֶענוּמֶען פַאר זַיין טָאכְטֶער אַ בָּחוּר פוּן זַיין יְשִׁיבָה, אַ מַתְמִיד עָצוּם, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעלֶערְנְט גַאנְצֶע נֶעכְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, אוּן עֶס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן אַ מַגִּיד פוּן הִימְל לֶערְנֶען מִיט אִים יֶעדֶע נַאכְט, אָבֶּער דֶער מַגִּיד אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא (דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין עֶפֶּעס, דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא גֶעהַאט אַ כֹּחַ אִים צוּ פַארְכַאפְּן). דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט דָאס קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דֶער מַגִּיד אִיז פוּן דִי טוּמְאָה.

אַמָאל זָאגְט דֶער מַגִּיד פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן עֶר זָאל טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר זָאל אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה פוּן מָשִׁיחַ אִין דִי טֶעג פוּן נִדָּה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, דֶער מַגִּיד הָאט אִים אַזוֹי צוּגֶערֶעדְט - בִּיז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ זַיין וַוייבּ זִי זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה, עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַ מַגִּיד פוּן הִימְל זָאגְט אִים דָאס צוּ טוּן אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה פוּן מָשִׁיחַ; זַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען אַ יְרֵאַת שָׁמַיִם, זִי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן מַיין טַאטֶע אוֹיבּ מֶען מֶעג דָאס טוּן".

אִיר טַאטֶע אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט זַיין טָאכְטֶער אַז עֶר וִויל רֶעדְן מִיטְן אֵיידֶעם, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶס מוּז זַיין אַז דֶער מַגִּיד אִיז פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, אַז עֶר רֶעדְט אִים צוּ צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה. עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ סִימָן אַז בַּיי דִי אֱמֶתְ'עֶ מַגִּידִים אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט אַלֶע אוֹתִיּוֹת אוֹיף זֵייעֶר שְׁטֶערְן אוּן דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן, אוּן בַּיי דִי סִטְרָא אַחֲרָא אִיז פַארְקֶערְט, דִי אוֹתִיּוֹת פוּן שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא זֶענֶען טוּנְקְל, דֶער שְׁוֶוער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶוען דֶער מַגִּיד וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיבּ דִי אוֹתִיּוֹת פוּן שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא שַׁיינֶען, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים", עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן שֵׁמוֹת אוּן קְמֵעוֹת אַז דֶער מַגִּיד זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אִים.

ווען דער רבי האט געהערט די מעשה האט דער רבי זיך זייער צופלאמט און געזאגט: "בײַ אונז לייכטן און שײַנען אַלע אותיות פון די אלף בית", און דער רבי האט דעמאלט אַרויסגענומען זײַנע כתבים פון ספר המידות. אַז מען לערנט די אותיות פון ספר המידות און מען בעט דעם אייבערשטן אויף יעדן אות, מען זאל זוכה זײַן צו דעם - איז מען זוכה אַז אַלע אותיות שײַנען אויפן מענטש.

בנוגע וואס דו האסט געפרעגט וואס איז די ריכטיגע גירסא אין ספר המידות (אות נפילה, סימן ו), ווי דער רבי זאגט: "על ידי השבועה נכֶרת ההשתוקקות של אדם", אדער "על ידי השבועה נכרַת ההשתוקקות של אדם"; דו פרעגסט וואס איז די ריכטיגע גירסא.

דער טשערינער רב זכר צדיק לברכה שרייבט: "שמעתי בשמו", איך האב געהערט בשם דעם רבי'ן, "ששתי הגירסאות אמת", אַז ביידע גירסאות זענען ריכטיג, און ער פירט אויס: לויט די גירסא 'נכֶרת' פאַרשטייט מען נישט וואס האט דאס מיט די אות נפילה, און לויט די גירסא 'נכרַת' פאַרשטייט ער בכלל נישט פשט פאַרוואס דורך אַ שבועה ווערט אָפגעהאַקט די השתוקקות פונעם מענטש.

דער גאון רבי אליהו עטיה גיבט צו פאַרשטיין ביידע גירסאות אין זײַן פירוש ספר המידות המבואר. דאס וואס טשערינער רב פרעגט וואס האט די גירסא 'נכֶרת' מיט אות נפילה? - אַז מען שווערט צו דינען דעם אייבערשטן, אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהלים קיט, קו): "נשבעתי ואקימה לשמור משפטי צדקך", פון ליבשאַפט צום אייבערשטן און צו די תורה האט דוד המלך געשוואוירן אַז ער וועט נישט אָפלאָזן די תורה - פאַרשטייט מען וואס דאס האט מיט אות נפילה; דער רבי גיבט אַן עצה מען זאל נישט אַראָפפאַלן פון עבודת השם.

לויט די גירסא "על ידי השבועה 'נכרַת' ההשתוקקות של אדם"; בפשטות מיינט דאס וואָרט נכרַת - אָפגעהאַקט, דעריבער וואונדערט זיך דער טשערינער רב פאַרוואס דורך אַ שבועה ווערט אָפגעהאַקט די השתוקקות, אדרבה דורך אַ שבועה ווערט מען מער מחובר, אָבער נכרַת איז

אויף מִלָּשׁוֹן (תְּהִלִּים קה, ט): "אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק", מִלָּשׁוֹן כְּרִיתוּת בְּרִית, אִיז דָאךְ בֵּיידֶע פְּשָׁטִים אֵיינְס; בֵּיידֶע מֵיינֶען אַז דוּרְךְ אַ שְׁבוּעָה וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער דִי הִשְׁתּוֹקְקוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ און דָאס וֶועט אִים נִישְׁט לָאזְן פַאלְן פון זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַז מֶען בַּארֶעדְט אַנְדֶערֶע, אַנְטְלוֹיף פון דָארְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז גוּט און כְּדַאי צוּ הָאבְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע טֶעלֶעפָאן פַאר דִי שְׁטוּבּ, מִיט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע נוּמֶער. דָאס הֵייסְט, אוֹיסֶער דַיין סֶעלְפָאוֹן און דַיין וַוייבְ'ס סֶעלְפָאוֹן זָאל זַיין אִין שְׁטוּבּ אַ הֵיים טֶעלֶעפָאן.

עֶס אִיז גוּט מִכַּמָּה סִיבּוֹת; סֵיי פַאר דִיר אַלֵיין, אַז דַיין טֶעלֶעפָאן מִיט אַלֶע שְׁפִּילְצֵייג זָאל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין אָרְט אִין שְׁטוּבּ, און בְּעִיקָּר פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְן אַ וֶועג צוּ רֶעדְן אָן דַארְפְן נוּצְן דִי סֶעלְפָאוֹן, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קוּקְן דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן און דַיין וַוייבְ'ס פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, וָואס עֶס קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען שָׁאדְן וְדַ"ל.

פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ רֶעדְן שַׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אִין שְׁטֶעטְל און נִישְׁט זִיצְן מִיט דִי חֲבוּרַת לֵצִים וָואס רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אויף אַנְדֶערֶע; וואוּ דוּ זֶעסְט אַ קוּפְּקֶע בַּארֶעדְן אַנְדֶערֶע זָאלְסְטוּ וִויסְן דִי זֶענֶען לֵצִים, אֲפִילוּ זֵיי גֵייעֶן וַוייסֶע זָאקְן און זֶעעֶן אוֹיס וִוי מַיינֶע שַׁמָּשִׁים; אַז מֶען בַּארֶעדְט אַנְדֶערֶע - אַנְטְלוֹיף פון דָארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## נִישְׁט קוֹיפְן קַיין דֵייטְשֶׁע פְּרָאדוּקְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן קַיין דֵייטְשֶׁע פְּרָאדוּקְטְן, מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט שְׁטִיצְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן פַּארְטִילִיגְט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן פַארבְּרֶענְט אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, גֶע׳שָׁחְטְ׳ן אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן הַשֵּׁם יִנְקֹם דָּמָם; דֶערִיבֶּער זָאל מֶען נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי צוּטוּן, אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעקוֹיפְט - דַארְפְסְטוּ דָאס נִישְׁט אַוֶועקְוַוארְפְן.

מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת וָואס דִי עֲמָלֵקִים הָאבְּן גֶעטוּן פַאר אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן; זֵיי זָאלְן נִישְׁט מֵיינֶען אַז דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם זֶענֶען פְרַיינְד, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִתְחַבֵּר זַיין צוּ זֵיי, נִישְׁט זִיךְ אָנְטוּן וִוי זֵיי אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מֶעג מֶען עֶסְן נָאכְן לִיכְט צִינְדְן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פוּן וֶוען אַייעֶר מַאמֶע צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט - וֶוערְט שַׁבָּת, אוּן מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט טְרִינְקֶען בִּיז מֶען הֶערְט קִידּוּשׁ. דֶערִיבֶּער אִיז גוּט צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אֵיידֶער מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט אוּן וַוארְטְן בִּיז דִי שַׁבָּת סְעוּדָה, בִּיז מֶען הֶערְט קִידּוּשׁ.

אוֹיבּ מֶען זֶעט מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ קֶענֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען - קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְקַבֵּל שַׁבָּת בַּיים צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט,

דֶעמָאלְט קֶען מֶען נָאךְ טְרִינְקֶען אוּן עֶסְן נָאכְן צִינְדְן דִי לִיכְט בִּיז עֶס וֶועט טִינְקֶל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. זַיי שְׁטַארְק אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען, אַז מֶען טוּט וֵוי דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג אִין שְׁטוּבּ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין קְרִיגֶעְרֵייעֶן. זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר כָּבוֹד. נֶעם דִי זַאךְ זֵייעֶר עֶרְנְסְט, וַוייל אַלֶע צָרוֹת וָואס קוּמְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ - אִיז נָאר וַוייל עֶר אִיז מְזַלְזֵל אִין זַיין וַוייבּ, עֶר טוּט אִיר וֵוי.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען, עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ קוּמֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן אוֹיפְפְרִישְׁן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען הָאט דָאס

גֶעהֶערְט נֶעכְטְן, יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען פוּן פְרִישׁ חִיזוּק. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:): "יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּכָל יוֹם וּמְבַקֵּשׁ הֲמִיתוֹ", יֶעדְן טָאג קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן ווִיל הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל אִים אַרָאפְּוַוארְפְן אִין עֲבֵירוֹת, "וְאִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ אֵין יָכוֹל לוֹ", אוּן ווֶען נִישְׁט ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים – ווָאלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּייקוּמֶען דִי שְׁווֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**זוּכְט דָאס גוּטְס אִין אַייעֶר מַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט נִישְׁט בְּכַעַס אוֹיף אַייעֶר מַאן; ווָאס זָאל עֶר טוּן אַז עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן אוּן בַּאשַׁאפְן גֶעווָארְן מִיט אַ שֶׁעמֶעדִיגֶע נַאטוּר אוּן אַ שְׁטִילֶע נַאטוּר... אִיר קֶענְט נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן אִים עֶר זָאל זַיין אַזוֹי ווִי אַייךְ; עֶר אִיז עֶר, אוּן אִיר זֶענְט אִיר, אוּן אַז מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ – קֶען מֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

קוּקְט גוּט אוֹיף אִים, זוּכְט אִין אִים נָאר דָאס גוּטְס, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין חֵן צְווִישְׁן אַייךְ, עֶר זָאל נוֹשֵׂא חֵן זַיין אִין אַייעֶרֶע אוֹיגְן אוּן אִיר זָאלְט נוֹשֵׂא חֵן זַיין אִין זַיינֶע אוֹיגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אויסְהֶערְן און אויסְרֶעדְן צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רַחְמָנוּת׳דִיגֶער רֶבִּי וָואס הָאט רַחְמָנוּת אויף אוּנְז, עֶר בְּרֶענְגְט אוּנְז כְּסֵדֶר צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַּאר אוּנְזֶער קְהִילָה, קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; בִּפְרָט אַז דוּ מַאכְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ, מִיטְן אויסְהֶערְן און אויסְרֶעדְן דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער און זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען טוּן נָאר גוּטֶע זַאכְן, וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער און זֵיי שְׁטַארְקְן.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## שְׁלָאג נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבָּת פוּן שְׁנַת תשפ״ד, זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וַוייל אַלֶעס גֵייט לוֹיט דִי אָנְהוֹיבּ; אַז דִי אָנְהוֹיבּ אִיז פְרֵיילִיךְ - וֶועט שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶע שַׁבָּתִים. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן זַיין שַׁבָּת זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז).

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, מִיר לֵיינֶען דִי הַפְטוֹרָה פוּן שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל. דֶער נָבִיא זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) טוּט תְּשׁוּבָה, ״קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה׳״; מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן

לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וויל הַיינְט עֶפֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן דִי מִשְׁנַיוֹת", אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ לֶערְנְסְט – זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; דָאס וֶועט דִיךְ מְטַהֵר זַיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט.

בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אַז דוּ הָאסְט וֵויי גֶעטוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן – זָאלְסְטוּ זֵיי אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן אַז דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט דַיין וַוייבּ – זָאלְסְטוּ אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. שְׁלָאג נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער, אוֹי וַאֲבוֹי אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער; עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער דֶעם מַצָּב, פְּרַאסְקֶען אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### מֶעג אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ אַייךְ אַלֶע טְרֶעפְן בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶער יוֹם טוֹב, מָלֵא טַעַם. יֶעצְט גְרֵייטְן מִיר זִיךְ אוֹיף יוֹם הַקָּדוֹשׁ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז אַ טָאג וָואס עֶר אִיז אוּנְז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, מִיר דַארְפְן נָאר תְּשׁוּבָה טוּן, חֲרָטָה הָאבְן אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זַיין ווּאוֹיל.

עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ בַּיי חֲצוֹת טוּעֶן מִיר זִיךְ שׁוֹין אָן בִּגְדֵי שַׁבָּת אוּן מִיר

מַאכְן אַ סְעוּדָה; מֶען עֶסְט פִּישׁ אוּן פְלֵייש, מֶען פְרֵייט זִיךְ פַאר דִי גְרוֹיסֶער טָאג וָואס קוּמְט, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זֵייעֶר לִיבּ, עֶר וַואשְׁט אוּנְז אָפּ פוּן אַלֶע שְׁוַוארְצֶע פְלֶעקְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, לו) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ה): "שְׁחוֹרָה אֲנִי", 'שְׁחוֹרָה אֲנִי כָּל יְמוֹת הַשָּׁנָה', אִיךְ בִּין שְׁוַוארְץ אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶּער 'וְנָאוָה אֲנִי בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים', אִיךְ בִּין שֵׁיין יוֹם כִּיפּוּר, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַואשְׁט מִיךְ אָפּ; מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידְן, אַז עֶר אִיז אוּנְז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּם יוֹם כִּיפּוּר.

רוּף דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן גוּט יוֹם טוֹב, אוּן אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין זֵייעֶר שְׁטָאט זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּערְגֵיין זָאגְן גוּט יוֹם טוֹב אוּן נֶעמֶען בַּיי זֵיי אַ בְּרָכָה, זֵיי זָאלְן דִיךְ בֶּענְטְשְׁן; דִיךְ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן בֶּעט דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן דַאוֶוענֶען פַאר דִיר, זֵיי זָאלְן בֶּעטְן פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיסֶע יָאר.

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט קֵיינֶעם, זָארְג נִישְׁט פַאר יֶענֶעמְ'ס רוּחָנִיּוּת, טוּ קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי. מֶען זֶעט אַלֶע יָארְן וִוי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן אַרוּם אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם, יֶענֶעם; עֶס אִיז אַ גֶעלֶעכְטֶער, יֶעדֶעס יָאר זֶעט מֶען דִי זֶעלְבֶּע מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן אַרוּם: "זַיי מִיר מוֹחֵל, זַיי מִיר מוֹחֵל"; עֶנְדֶערְשׁ גֶעבּ אַכְטוּנְג אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קֵיינֶעם, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן.

אַז אֵיינֶער הָאט דִיר גֶעטוּן אַ טוֹבָה - זָאלְסְטוּ יֶענֶעם מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוּן חַס וְשָׁלוֹם בַּארֶעדְן. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוֹיף דֶעם אַזוֹי וֵויינֶען, עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן בַּיים סוֹף זֶענֶען דִי גֶעגַאנְגֶען אִים בַּארֶעדְן, מוֹצִיא שֵׁם רַע זַיין אוֹיף אִים. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין מְחִילָה, אוֹיף מוֹצִיא שֵׁם רַע" (רְמָ"א אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרו, סְעִיף א), בִּפְרַט וֶוען יֶענֶער הָאט דִיר גֶעטוּן אַ טוֹבָה, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זַיין צַייט, זַיין גֶעזוּנְט - אִיז וִוי קֶענְסְטוּ רֶעדְן אוֹיף יֶענֶעם...

מֶען דַארְף נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען קֶען גֵיין וואוּ מֶען ווִיל, אָבֶּער אַז דוּ בִּיסְט גֶעזִיצְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דוּ הָאסְט מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל גוּטְס, יֶעצְט גֵייסְטוּ בַּארֶעדְן - אִיז דָאס אַן עַוְלָה וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף

דֶעם אַ גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, יג): "מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה לֹא תָמוּשׁ רָעָה מִבֵּיתוֹ", וֶוער עֶס בַּאצָאלְט שְׁלֶעכְטְס פַאר גוּטְס - וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן שְׁלֶעכְטְס פוּן יֶענֶעמ'ס שְׁטוּבּ.

אִיךְ גֶעדֶענְק אֵיינֶער, אַ גָאר נָאנְטֶער, אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶר קֶען אַוֶועקְגֵיין פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוֹיבּ מוֹהֲרָא"שׁ וֶועט מַקְפִּיד זַיין אוֹיף אִים? הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "קֶענְסְט גֵיין וואוּ דַיין הָארְץ בַּאגֶערְט, אוּן אַדְּרַבָּה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ זוּכְן וואוּ זַיין פְּלַאץ אִיז, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ וֶועט אוֹיף דִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קְפֵידָא, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹיף דִי פְּלַאץ וואוּ דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דַיין חַיוּת, אוֹיף דִי פְּלַאץ וָואס מֶען הָאט דִיר גֶעטוּן נָאר גוּטְס - דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ כַאפְּן בִּיטֶערֶע קְלֶעפּ".

מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִּיק, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס גֶעבְּט אוּנְז אַזוֹיפִיל גוּטְס, עֶר גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַ וֶועג צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען דָא נִישְׁט פַאר לַאנְג, מִיר זֶענֶען דָא פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט; דִי לֶעבְּן אִיז כְּצֵל עוֹבֵר, וִוי אַ שָׁאטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", נִישְׁט וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט, נִישְׁט וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים נָאר וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיעֶט - אַזוֹי שְׁנֶעל גֵייט דָאס לֶעבְּן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט מִיט דֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה כח.), אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא יוֹנָתָן בֶּן עוּזִיאֵל, "בְּשָׁעָה שֶׁיּוֹשֵׁב וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה", וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה - "כָּל עוֹף שֶׁפּוֹרֵחַ עָלָיו מִיָּד נִשְׂרָף", יֶעדֶע פֵייגְל וָואס אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפְלוֹיגְן הָאט זִיךְ גְלַייךְ פַארְבְּרֶענְט; זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, נִישְׁט דִי פֵייגְל הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט, נָאר וֶוען דֶער תַּנָּא הָאט גֶעזֶען אַ פֵייגְל פְלִיט הָאט עֶר גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז דִי לֶעבְּן... דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן גֵייט אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַ פֵייגְל וָואס פְלִיעֶט, אוּן דָאס הָאט אִים אַזוֹי צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז 'מִיָּד נִשְׂרַף', עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי

צֶעפְלַאקֶערְט פוּן דֶעם אַז עֶר אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ, צוּ פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי, בִּינְד מִיךְ צוּ אִין דַיין זַאק אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל פוּן דִיר נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין"; דָאס דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי גוּטֶע וַויין, פוּן דִי יַיִן הַמְשֻׁמָּר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הֶערְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע, אִיךְ זָאל נִישְׁט הֶערְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אִין מַיינֶע הֶענְט 'וָואס בַּאקוּם אִיךְ פוּן רֶבִּי'ן?' 'צוּ וָואס בְּרֶענְגְט מִיךְ דֶער רֶבִּי צוּ?' אוּן נָאר טוּן דִי עֵצוֹת אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים".

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**זִינְג 'אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ'**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר וֶועט אַרַיינְנֶעמֶען דִי אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אִיר וֶועט טְרַאכְטְן 'אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט אַלֵיין' - דָאס וֶועט אַייךְ בַּארוּאִיגְן, אִיר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע פְּחָדִים.

וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֶס דֶערְשְׁרֶעקְט אַייךְ; אַנְשְׁטָאט זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי מַחֲשָׁבָה, 'עֶס גֵייט יָא זַיין', 'עֶס גֵייט נִישְׁט זַיין', 'אָבֶּער אֶפְשָׁר גֵייט עֶס יָא זַיין?' 'אָבֶּער זִיכֶער גֵייט עֶס נִישְׁט זַיין' 'אָבֶּער זֶעסְט דָאךְ אַז עֶס

קֶען יָא זַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳״ אִיז דִי עֵצָה ׳זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת׳; וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע פוּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע יֵצֶר הָרָע, און מֶען קֶען אִים נִישְׁט בַּאזִיגְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז אָנְהוֹיבְּן זִינְגֶען ׳אֵין עוֹד מִלְבַדוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס און אִיךְ דַארְף זִיךְ נָאר אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים, און עֶר מַאכְט אַלֶעס דָאס בֶּעסְטֶע׳.

חַזֶר׳ט זִיךְ אֱמוּנָה, זִינְגְט זִיךְ אֱמוּנָה, וֶועלְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַוֶועקְפְלִיעֶן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### בְּלַייבּ צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳, עֶרֶב יוֹם הַקָדוֹשׁ, ט׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ זִיס יָאר פַאר דִיר און פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי׳ן בָּזֶה וּבַבָּא.

...

### קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, גָאט׳ס נָאמֶען, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי פְרוֹי וָואס רֶעדְט צוּ אַייךְ קֶעגְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זִי זָאגְט עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט וָואס דָא טוּט זִיךְ; גֶעבְּט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן אִיר, הוֹיבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאן וֶוען זִי רוּפְט, און אַז אִיר זֶעט אִיר וִוי זִי קוּמְט אַייךְ

אַנְטְקֶעגְן אִין גַאס - זָאלְט אִיר זִיךְ אַוֶועקְדְרֵייעֶן פוּן אִיר, וַוייל מִיט אֵיין קְלֵיינֶע שְׁמוּעֶס וֶועט זִי אַייךְ אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִיק אוּן אִיר וֶועט בְּלַייבְּן פַארְוָואגְלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז זִי הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶערֶעדְט אִין אַייךְ אוּן אִיר זֶענְט צֶעמִישְׁט גֶעוָוארְן וְכוּ' וְכוּ', דִי עֵצָה אִיז הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט וִויסְן וואו דֶער אֱמֶת אִיז; דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיר הָאט דָא בַּאקוּמֶען אוּן וָואס אִיר בַּאקוּמְט דָא, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וָואס דִי פְרוֹי רֶעדְט צוּ אַייךְ, אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע וָואס זִי זָאגְט; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ.

וִויסְן זָאלְט אִיר, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט בַּיים צַדִיק. אָדָם הָרִאשׁוֹן, יְצִיר כַּפָּיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים בַּאשַׁאפְן אוּן אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין גַן עֵדֶן, דָארְט אִין גַן עֵדֶן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים דִי שְׁלַאנְג אוּן גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער שְׁלַאנְג הָאט גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט אַייךְ אוֹיפְן צַדִיק: "עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט וִוי מֶען מֵיינְט, מֶען דַארְף וִויסְן אַז עֶס אִיז אַ סַכָּנָה", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן מֶען הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן גַן עֵדֶן; זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען זִיצְן אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַז דֶער שְׁלַאנְג קוּמְט - אִיז קֵיינֶער נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; זִיךְ מִשְׁפְּטְ'ן, זִיךְ מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס הָאב אִיךְ בַּאקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ? וָואס הָאט מִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן?' אַזוֹי פַאלְט אַוֶועק אַלֶע לֵיצָנוּת אוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת.

זִי רֶעדְט נִישְׁט נָאר צוּ אַייךְ, זִי רֶעדְט צוּ אַסַאךְ; זִי כַאפְּט דִי שְׁוַואכֶע מֹחוֹת, דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, אוֹיךְ גֵייט זִי צוּ פְרֶעמְדֶע, זִי רֶעדְט וְכוּ'; מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אַזוֹי גֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט אִיז זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם אוּן אִין יֶענֶעם, עֶס וֶוערְט אַ פְרִישֶׁע מַחֲלֹקֶת, עֶס פַאלְן פְרִישֶׁע קָרְבָּנוֹת, אוּן נָאר מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ - אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט.

וָואס הָאב אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר רֶעדְן קֶעגְן

מוֹהֲרָא"שׁ? אִיךְ הָאב גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן נָאכְאַמָאל גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וֶוער בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית? וֶוער גֶעבְּט מִיר חִיזוּק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען? וֶוער בְּרֶענְגְט אִין מִיר אַרַיין אַ חַיוּת אִין יֶעדֶע מִצְוָה? וֶוער בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב? אוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דֶעם צַדִיק זָאל אִיךְ אָנֶעמֶען דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס? נֵיין נֵיין!'

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גוּטֶע קַבָּלָה פַארְן נֵייעֶם יָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, גָאט'ס נָאמֶען, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קְרִיַת בְּרֶסְלֶב**

לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר טוּ תְּשׁוּבָה אוּן וַוארְף אַוֶועק דִי סְמַארְטְפָאוֹן.

אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן, קוֹדֶם הָאסְטוּ זִיךְ גֶעקוֹיפְט דִי טֶעלֶעפָאן פַארְן אָפִיס, אוּן נָאכְדֶעם נָאר פַאר דִי קַאר אוּן יֶעצְט בִּיסְטוּ מִיט דֶעם פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה; אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אִינְמִיטְן אַלֶעס; בַּאלְד וֶוערְן דַיינֶע קִינְדֶער גְרוֹיס אוּן וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין מִיט זֵיי?

לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן דִי טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן.

...

### הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מָאל אַשְׁרֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, גָאט'ס נָאמֶען, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּזֶה הָעוֹלָם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶן, וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ? דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים יח, ב): "אֶרְחָמְךָ ה' חִזְקִי", מוֹהֲרָא"שׁ אִינֶעם פֵּירוּשׁ תְּהִלּוֹת נָתָן זָאגְט, דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: "אֶרְחָמְךָ ה'", מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פוּל מִיט רַחְמָנוּת, עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען, "חִזְקִי", דָאס אַלֵיינְס אִיז מַיין גַאנְצֶע שְׁטַארְקֵייט; דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע הִתְחַזְקוּת, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחְמָנוּת.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ, הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מָאל אַשְׁרֵינוּ.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

### וָואס טוּ אִיךְ מִיטְן טֶעלֶעפָאן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, גָאט'ס נָאמֶען, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן אוֹיב דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי סָארְט טֶעלֶעפָאן; גֵייסְט יֶעצְט בּוֹיעֶן דַיין שְׁטוּב, דוּ גְרֵייטְסְט זִיךְ צוּ דִי חֲתוּנָה - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין טָאג נָאךְ טָאג, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל גוּטֶע קִינְדֶער, וָואס טוּ אִיךְ מִיטְן טֶעלֶעפָאן? וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס צִיט אַזוֹי שְׁטַארְק?"

אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, וֶועסְט הָאבְּן אַ קְלָארְקֵייט אוּן שְׁטַארְקֵייט צוּ וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

נֶעם זִיךְ פָאר, לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר - צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן אִינֶעוֵוייניג, פוּן אַ בֶּענְטְשֶׁער.

אַ זִיס יָאר.

...

## מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן צוּ הֶעלְפְן אוּנְזֶער שׁוּל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, מִיטְן זַיין דֶער 'גַבָּאַי צְדָקָה' צוּזַאמְצוּנֶעמֶען צְדָקָה אוֹיפְצוּהַאלְטְן אוּנְזֶער שׁוּל. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר הָאבְרֵךְ ...; עֶנְק בֵּיידֶע נֶעם אִיךְ אוֹיף פַאר דִי הֵיילִיגֶע אָמֶת.

בִּזְכוּת מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## דִי קוּנְץ אִיז, מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן קוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר? וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ קְרִיגְן מִיט עֶלְטֶערְן?! אַז אַ טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים נֶעמֶען זַיין קִינְד - וָואס קְרִיגְסְטוּ זִיךְ מִיט אִים? וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ? וֶוער עֶס קוּמְט אִין חֵדֶר - זָאלְסְטוּ אוֹיפְלֶעבְּן, אוּן וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט קוּמֶען - זָאל נִישְׁט קוּמֶען; וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר? וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ קְרִיגְן? דִי קוּנְץ אִיז - מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן קוּמֶען.

זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין חֵדֶר, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן; נָאר אַז עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְכַאפְּן דִי לִימוּדִים, דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי.

אוֹיבּ אִין חֵדֶר אִיז דָא אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט - וֶוערְן דִי קִינְדֶער מִיט דֶער צַייט פַארְקְלַאפְּט אוּן פַארְמַאכְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶועןּ, אַייזֶערְנֶע כּחוֹת, אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלד - צוּ יֶעדְן קִינְד, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעשְׁפִּילְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס לֶערְנֶען אוּנְז עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט) פַּעַם אַחַת אָמַר לִי בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "אוּן אַז עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט - אִיז מֶען זִיךְ גָאר מְבַטֵּל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְּלִין עַצְמוֹ", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מֶען פַארְמַאכְט דָאס מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן, אִיז בִּטּוּל", דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיפְן מֶענְטְשׁ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים - זִיךְ מְבַטֵּל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ פַארְמַאכְן דִי מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן, וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַלֶעס נָאר פַאר אוּנְזֶער גוּטְס.

מָארְגְן װֶעט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אַ שִׁיעוּר, מֶען װעט זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וְוִי אַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב בְּשִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּמֶען אִין חֵדֶר צַייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען נִישְׁט צַייטְלִיךְ - דַארְפְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן; אַז עֶס שְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע חֵדֶר אוּן מֶען קֶען נָאר קוּמֶען אִין חֵדֶר צַייטְלִיךְ, אוּן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן נֶעמֶען עֶס נִישְׁט עֶרְנְסְט - קֶען דֶער קִינְד נִישְׁט קוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד. וֶועסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין נָאר אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן װֶעלְן מִיט-אַרְבֶּעטְן, אוּן נָאר אַז דָאס קִינְד װֶעט בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אֵיין טָאג נָאכְן צְוֵוייטְן - וֶועלְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען צַייטְלִיךְ.

אִיז דָאס אִין דֶער עִנְיָן פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ - דָאס הָאט מִיט דִי קִינְדֶער; דַארְפְסְטוּ אַרְבֶּעטְן מִיט זֵיי אַלֵיינְס (צוּמָאל דַארְף מֶען אוֹיךְ אַרַיינְמִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן), אָבֶּער זְמַנִים - דָאס הָאט מִיט דִי עֶלְטֶערְן; אַז דוּ װֶעסְט אַװֶעקְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער - װֶעט זִיךְ אַלֶעס שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט יָארְן צוּרִיק אִין סְקוּל דִי זֶעלְבֶּע פְּרָאבְּלֶעם, בִּיז דִי מְנַהֶלֶת הָאט אַװֶעקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁטְרֶענְגֶע סֵדֶר, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אַלֶעס אִיז גֶעפַאלְן אִין פְּלַאץ. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִין אָנְהוֹיבּ גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין, מֶען הָאט מִיךְ גֶערוּפְן פָארְהַאלְטְן הֲיִתָּכֵן? הֲזֹאת נָעֳמִי? דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב?! מֶען אִיז גֶעקוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת צוּ

מִיר, אָבֶער מִיט דֶער צַייט הָאבְּן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז חֵדֶר אוּן סְקוּל אִיז נִישְׁט קַיין בֶּעבִּי סִיטִינְג, אוּן קִינְדֶער דַארְפְן גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ אוּן קוּמֶען צַייטְלִיךְ. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן דִי נַייעֶ פְּלַאן פַארְן קוּמֶענְדִיגְן זְמַן, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אוֹיפְזוּכְן דִי שְׁוַוארְצֶע פִּינְטְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

״הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אַ גֶעזוּנְטֶע קִינְד, אַ זִיס מֵיידְל לְמַזָּל טוֹב. נֶעכְטְן נַאכְט, גְלַייךְ בַּיים עֶנְדִיגְן בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, וִוי נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט לֵייגְן דִי סְכָךְ – בִּין אִיךְ אַרַיין מִיט מַיין ווַייבּ הָאבְּן דָאס קִינְד. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַזוֹיפִיל נִיסִים, אַזוֹיפִיל חֲסָדִים, ״מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי״, וָואס קֶען אִיךְ דִיר צוּרִיק צָאלְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דַיינֶע חֲסָדִים? ״כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם ה׳ אֶקְרָא״, אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ דִיר אוּן אִיךְ וֶועל רֶעדְן פוּן דִיר צוּ אַלֶעמֶען, יֶעדְן אֵיינֶעם דֶערְצֵיילְן דִי חֲסָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט, עֶר טוּט נָאר חֲסָדִים, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) זָאל אוּנְז עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן, מִיר זָאלְן שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן זֶען דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, נִישְׁט אוֹיפְזוּכְן דִי שְׁוַוארְצֶע פִּינְטְלֶעךְ, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי הַאלְבּ לֵיידִיגֶע גְלֶעזְל, נָאר אוֹיף דִי הַאלְבֶּע אָנְגֶעפִילְטֶע גְלֶעזְל, אוֹיף דִי נִיסִים; אַז מִיר לֶעבְּן, מִיר זֶענֶען גֶעזוּנְט, מִיר זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִידְן אוּן מִיר גְלֵייבְּן, מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה, אוּן מִיר זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת כְּרִמּוֹן, אוּן נָאךְ אַזוֹיפִיל חֲסָדִים.

נִישְׁטָא קַיין צַייט יֶעצְט פַאר לַאנְגֶע בְּרִיוו, יֶעצְט דַארְף מֶען לוֹיפְן קוֹיפְן ד׳ מִינִים, דִי הֵיילִיגֶע ד׳ מִינִים, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין נָאךְ אַ יָאר שָׁאקְלֶען דִי ד׳ מִינִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכה): "שֶׁאֵין אָנוּ יוֹדְעִים כְּלָל גֹּדֶל יִקְרַת מַעֲלַת מִצְוַת אֶתְרוֹג", מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה פוּן דִי ד׳ מִינִים, "וַהֲרֵי אָנוּ רוֹאִין שֶׁיִּשְׂרָאֵל מְפַזְּרִים מָמוֹן הַרְבֵּה בִּשְׁבִיל מִצְוָה זוֹ", מִיר זֶעעֶן דָאךְ וִויפִיל גֶעלְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעבְּן אוֹיס פַאר דִי מִצְוָה פוּן אֶתְרוֹג אוּן ד׳ מִינִים, "יוֹתֵר מֵעַל שְׁאָר מִצְווֹת", מֶען גֶעבְּט אוֹיס מֶער גֶעלְט אוֹיף דִי מִצְוָה ווִי מֶען גֶעבְּט אוֹיס אוֹיף אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, "וּבְוַדַּאי לֹא עַל חִנָּם הוּא", דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אוּמְזִיסְט, "מִסְתָּמָא מִצְוָה זוֹ הוּא יְקָרָה מְאֹד מְאֹד אֲשֶׁר אֵין לְשַׁעֵר", זֶעט אוֹיס אַז דִי מִצְוָה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע מִצְוָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, "רַק שֶׁאֵין אָנוּ יוֹדְעִין גֹּדֶל מַעֲלָתָהּ", נָאר וָואס דֶען, מִיר זֶענֶען אַזוֹי וַוייט פוּן וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוֹת, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אִיר טַייעֶרְקֵייט.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוֹיסְצִיעֶן דִי בְּרִיוו, אִיךְ ווִיל דִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן, אִיךְ דַארְף אוֹיךְ אָנְגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב.

גֵיי קוֹיפְן ד׳ מִינִים; קוֹיף פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ גֵייסְט זוֹכֶה זַיין שָׁאקְלֶען דִי הֵיילִיגֶע ד׳ מִינִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "אֶפְשָׁר אִם הָיוּ יוֹדְעִין גֹּדֶל מַעֲלַת מִצְוָה זוֹ, הָיוּ עוֹשִׂים מַה שֶּׁהָיוּ עוֹשִׂים בִּשְׁבִיל מִצְוָה זוֹ", וֶוען מִיר וָואלְטְן וֶוען גֶעווּסְט ווִי גְרוֹיס דִי מִצְוָה אִיז – וָואלְטְן מִיר זִיכֶער גֶעטוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט וָואס, זִיכֶער מֵיינְט דֶער רֶבִּי מֶען וָואלְט גֶעטַאנְצְט, מֶען וָואלְט אַרוֹיס פוּן דִי קַטְנוּת הַדַּעַת, מֶען וָואלְט אוֹיפְגֶעהֶערְט קְרֶעכְצְן, אוֹיפְגֶעהֶערְט וֵויינֶען. דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט אַמָאל גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען מוּזִיק, אִין דִי יָאר וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קוֹדֶם אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין ד׳ מִינִים אוּן נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס פוּן הִימְל, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען ד׳ מִינִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען מוּזִיק, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶפְן מִיר מַיין הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טַייעֶרער בְּרוּדֶער, בְּרֶענְג אַרַיין יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה, ווייל וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט - אִיז דָאךְ אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט רִירְן קֵיין הַאנְט, קֵיין פוּס, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן - נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּן הֵייסְט; אָבֶּער דִי שִׂמְחָה - דָאס הָאט מִיטְן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, מֶען פְרֵייט זִיךְ, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מִצְוֹת - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי אִין אַ ווינְקְל, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ ווִיל שְׁפִּירְן אַ טַעַם, אַ הֵיילִיגְקֵייט - אִין דִי שָׁאקְלֶען לוּלָב, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין הַארְץ, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ זוּיבֶּערְקֵייט, אַ רֵיינְקֵייט. אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי קַאלְט, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג וָואס אִיז סוּכָּה, וָואס אִיז ד' מִינִים, וָואס אִיז הַלֵּל, הוֹשַׁעְנוֹת, הַקָּפוֹת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ ווִיל נָאנְטְקֵייט צוּ דִיר".

בְּרוּדֶער, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ ווינְקְל אוּן רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מִיר הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הֶערְט אוּנְז אוֹיס, עֶר וַוארְט מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים.

אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַוֶועק כַאפְּן פוּן דִי טִרְדוֹת אוּן קוּמֶען הַיינְט נַאכְט צוּם לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר - זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב; עֶס לוֹינְט נָאכְאַמָאל צוּ קוּמֶען. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, וֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד רֶעדְט מִיט אַ צְוֵוייטְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים - אִיז וֶוערְד צוּ פָאָרְן אַ נְסִיעָה וָואס מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן דִי יָאר קֵיין אוּמַאן, דְרַייסִיג שָׁעָה, פֶערְצִיג שָׁעָה - צוּ קוּמֶען הֶערְן אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי"ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז דִירַת עֲרַאי

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוֹיךְ וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם פָּארְקוּמֶען מָאנְטָאג נַאכְט בַּיים רֶבִּינְ׳ס יָארְצַייט - אַ סְעוּדָה אִין דִי סוּכָּה פוּן דִי יְשִׁיבָה.

מִיר בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דִירַת קֶבַע אוּן מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי דִירַת עֲרַאי; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז עֲרַאי, מִיר זֶענֶען דָא פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַ דִירַת קֶבַע אוֹיבְן אִין הִימְל פַאר דִי נְשָׁמָה, דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, כַאפּ זִיךְ צוּרִיק, הוֹיבּ אָן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה. עֶנְדִיג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, אוֹיךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא; בּוֹי זִיךְ אַ פֶעסְטֶע דִירָה וָואס וֶועט הַאלְטְן פַאר אֵייבִּיג פַאר דַיין נְשָׁמָה.

קוֹיף ד׳ מִינִים פַאר דַיינֶע זִין, זָאג נִישְׁט עֶס קָאסְט אַסַאךְ; דִי גַאנְצֶע מַטָּרָה פוּן גֶעלְט אִיז נָאר פַאר דִי טֶעג פוּן יוֹם טוֹב פַאר מִצְוֹת, אִינְמִיטְן ווִינְטֶער אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן מִיט דִי גֶעלְט; יֶעצְט אִיז דִי צַייט אוֹיסְצוּגֶעבְּן פַאר אַ סוּכָּה, פַאר בְּרֶעטֶער, סְכָךְ, נוֹי סוּכָּה, שְׁלַאק אוּן פַאר ד׳ מִינִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אַרַיין אִינֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, מִיר גֵייעֶן זִיצְן אִין דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינֶעם שָׁאטְן פוּן אֱמוּנָה, אוּנְטֶער דִי פְּלִיגְלֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין כַּעַס אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, וַוייל דוּרְךְ כַּעַס אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה. מוֹהֲרַ"אשׁ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט גֶעבּוֹיט דִי סוּכָּה פַאר רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶרֶב סוּכּוֹת אַז דִי סוּכָּה זָאל זַיין שֵׁיין אוּן פֶעסְט גֶעבּוֹיט. רֶבִּי נַחְמָן זָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען פְּלָאגְט זִיךְ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, מֶען שְׁפִּירְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט - ווִי וֶוען מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפְּלָאגְט..." הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵנוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה', וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט...?"**

אִיךְ מַאךְ אַ קִידוּשׁ שַׁבָּת, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג סוּכּוֹת; אִיךְ גֶעבּ אַ נָאמֶען פַאר מַיין נֵייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע טָאכְטֶער, אִיךְ לַאדְן אַלֶעמֶען צוּם קִידוּשׁ.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## דְרֵיי נִישְׁט אוֹיס דִי אוֹתִיוֹת עֶס זָאל וֶוערְן ׳לֵץ׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי נִישְׁט צוּ דִי פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם זִינְגֶען, דִי פְּלֶעצֶער זֶענֶען אַ מוֹשַׁב לֵצִים; אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס חֲסִידִי׳שׁ. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי פְּלֶעצֶער.

אַ שְׁטְרַיימְל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ סִימָן פוּן חֲסִידִי׳שֶׁע אִידְן, הַיינְט אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סִימָן; מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי׳שׁ, רֶעדְן אִידִישׁ - אוּן זַיין אַ לֵץ.

בְּלַייב זִיצְן אִינֶעם ׳צֵל׳ אֱמוּנָה, שָׁאטְן פוּן אֱמוּנָה, דְרֵיי נִישְׁט אוֹיס דִי אוֹתִיוֹת עֶס זָאל וֶוערְן ׳לֵץ׳. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ו) עֶס אִיז פַארְהַאן אַ שְׁטוּב וָואס אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטִיבֶער פוּנֶעם שְׁטָאט, וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטֶעט פוּן דִי לַאנְד, וָואס אִיז וְכוּ׳; דֶער שְׁטוּב אִיז דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״אוּן דָארְט אִיז פַארְהַאן אֵיינֶער וָואס עֶר מַאכְט גָאר לֵיצָנוּת אוּן טְרַייבְּט קַאטָאוֶועס פוּן אַלֶעמֶען״.

פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן אַז דוּ גֵייסְט חוֹל הַמּוֹעֵד הַאלְטְן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה זָאל דָאס זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל. גֵיי נִישְׁט מִיט חֲבֵרִים; זָאל יֶעדֶער גֵיין מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט זַיין וַוייבּ.

מָאנְטָאג נַאכְט וֶועט זַיין אַ יָארְצַייט סְעוּדָה פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס יָארְצַייט, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## וְוער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מָאנְטָאג גֶעפַאלְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס יָארְצַייט. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד - נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי פַארְלַאנְגְט פוּן אוּנְז.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן און חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. סְתָּם זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב - מִיט דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מִיט דֶעם אִיז מֶען נָאכְנִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, מֶען מוּז לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל און נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק - גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ מִיט אַ אִיד יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק, דֶער יוֹסְל זָאגְט פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", רֶבִּי נַחְמָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און עֶר הָאט אִים אַבִּיסְל מְקַנֵּא גֶעוֶוען, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן און אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער דוּ קֶענְסְט דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן"; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד; אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

וֶוען מִיר זִיצְן אִין דִי שָׁאטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען 'וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, און וואו בִּין אִיךְ אִין

דֶער וֶועלְט ?' דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן", אַז אַ יָאר אִיז אַרִיבֶּער אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה - דָאס הֵייסְט גֶענַארְט, אַז דִי יָאר אִיז אַרִיבֶּער אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, נִישְׁט גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת, נִישְׁט גֶערֶעדְט יֶעדְן טָאג דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס הֵייסְט גֶענַארְט. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְּתְבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בְּקַשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטַפֵּל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יָרֵא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### פַּאק זִיךְ אַיין אַ חוּמָשׁ מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵייסְט חוֹל הַמּוֹעֵד פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער - נֶעם זִיךְ מִיט אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ תְּהִלִּים וְכוּ' וְכוּ'; עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טָאג אָן לֶערְנֶען. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין נָאר אוֹיף פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז דָא יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן.

פַּאק זִיךְ אַיין אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, לֶערְן בְּגִירְסָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט דִי כֹּחוֹת וְכוּ' - זָאל מֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי לֵצִים וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם דֶרֶךְ

הַלִּימוּד; אֲפִילוּ פוּן דִי וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים אוּן לַאכְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; דוּ לֶערְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת, אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד שֶׁל רַבֵּינוּ ז"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד', "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ", אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ טַעְנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן?! "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", גֶעוְואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחְנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרֵךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרֵךְ", ווָאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָּר לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## מִנְהֲגֵי הוֹשַׁעְנָא רַבָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבָּאֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה טוּט זִיךְ אָן אַ וַוייסֶע קִיטְל אוּן מֶען דַאוֶוענְט מִיט דִי נוּסָח פוּן יָמִים נוֹרָאִים. מֶען זָאגְט בַּיי פְּסוּקֵי דְזִמְרָה אַלֶע מִזְמוֹרִים אַזוֹי וִוי שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אוֹיסֶער מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת אוּן ה' מָלָךְ. מֶען זָאגְט

מִזְמוֹר לְתוֹדָה, אוֹיךְ לָאזְט מֶען אוֹיס נִשְׁמַת. מֶען זָאגְט נָאךְ יִשְׁתַּבַּח "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים" מִיט דִי נוּסַח פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיךְ קַדִּישׁ זָאגְט מֶען אַזוֹי וִוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען זָאגְט דֶער נוּסַח בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.

הַלֵּל אוּן דִי נַעֲנוּעִים מַאכְט מֶען אַזוֹי וִוי אַלֶע טֶעג פוּן יוֹם טוֹב. נָאךְ הַלֵּל גֵייט מֶען אַרוּם דֶעם בִּימָה זִיבְּן מָאל, מֶען זָאגְט דִי הוֹשַׁעְנוֹת חַזָּן וְקָהָל, שְׁטִיקְל בַּיי שְׁטִיקְל, אוּן צְוִוישְׁן יֶעדֶע הַקָּפָה בְּלָאזְט מֶען מִיטְן שׁוֹפָר תשר"ת, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רַחֲמָנָא אִדְכַּר לָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז גֶעדֶענְקֶען דִי זְכוּת פוּן דִי צַדִּיקִים; 'אַבְרָהָם' בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע הַקָּפָה, 'יִצְחָק' דִי צְוֵוייטֶע, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דִי זִיבְּן הַקָּפוֹת זָאגְט מֶען דִי סְלִיחוֹת, אוּן נָאךְ קַדִּישׁ קְלַאפְּט מֶען מִיט דִי הוֹשַׁעְנוֹת פִינְף קְלַאפֶּעס, אוּן מֶען זָאגְט דִי יְהִי רָצוֹן.

בַּיי מוּסָף זָאגְן מִיר כֶּתֶר אַזוֹי וִוי שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אִין חוּץ לָאָרֶץ וָואס מֶען דוּכְנְ'ט נָאר יוֹם טוֹב, חוֹל הַמּוֹעֵד דוּכְנְ'ט מֶען נִישְׁט, אָבֶער הוֹשַׁעְנָא רַבָּה דוּכְנְ'ט מֶען.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### דְרֵיי וֶוערְטֶער "שְׁרֵייעֶן, אַנְטְלוֹיפְן אוּן דֶערְצֵיילְן"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הִיט דַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי מֶער וִוי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן אוֹיג, לָאז זֵיי נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר. אִין דִי טֶעג וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ סֵדֶר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל חוֹל הַמּוֹעֵד - דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן, זָאג זֵיי קְלָאר: "עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען קְרַאנְקֶע, זֵיי

ווילְן אָנְרירְן קִינְדֶער בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אויבּ עֶס וֶועט פַּאסִירְן אֵיינֶער וֶועט דיךְ וֶועלְן אָנְרירְן, אָדֶער עֶר וֶועט נֶעמֶען דַיינֶע הֶענְט און דיךְ הֵייסְן אִים אָנְרירְן - זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן, אַנְטְלויפְן און דֶערְצֵיילְן"; חַזֵר מִיט אִים דִי דְרֵיי וֶוערְטֶער: "'שְׁרֵייעֶן, אַנְטְלויפְן און דֶערְצֵיילְן'; אֲפִילוּ יֶענֶער דֶערְשְׁרֶעקְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן".

דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, לֵיל הוֹשַׁעְנָא רַבָּה - אִיז אַ קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיגֶע צַייט, אִין דֶעם נַאכְט טֵיילְט מֶען אויס דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה און אָפְּגֶעשְׁטֶעמְפְּלְט יוֹם כִּפּוּרִים; דִי נַאכְט אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט פַארְבְּרֶענְגֶען און אַרוּמְפָארְן אויף אויסְפְּלָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער, אַלֶע קוּמֶען אַלֶע אִין שׁוּל, מֶען פִירְט זִיךְ צוּ לֵיינֶען מִשְׁנֵה תּוֹרָה, גַאנְץ סֵפֶר דְבָרִים; דֶער בַּעַל קוֹרֵא לֵיינְט פָאר און דֶער עוֹלָם הֶערְט אויס, אָדֶער זָאגְט מֶען מִיט שְׁטִילֶערְהֵייט.

נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען אויס גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים, און נָאךְ יֶעדֶע סֵפֶר זָאגְט מֶען דִי "יְהִי רָצוֹן". אויבּ אִיז דִיר צוּ שְׁוֶוער - זָאלְסְטוּ כָאטְשִׁיג זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

עֶס אִיז אַ הֵיילִיגֶע נַאכְט, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין צַייט. בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג דָאס זָאגְן, נִישְׁט דָאס אויפְזַיין; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, מֶען זָאגְט תְּפִילוֹת, און וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְטִיג - לֵייגְט מֶען זִיךְ שְׁלָאפְן.

בֶּעט אויךְ פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, הַיינְט טֵיילְט מֶען אויס דִי צֶעטְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן פְרַייטָאג אִיז הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, אִין דֶעם טָאג טֵיילְט מֶען

אוֹיס דִי צֶעטְלֶעךְ; זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע צֶעטְל, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶס אִיז מִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַ נִישְׁט גוּטֶע צֶעטְל בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, צֶערַייס דִי צֶעטְל אוּן שְׁרַייבּ מִיר אַ גוּטֶע קְוִויטְל".

זָאלְסְט נִישְׁט אַרִיבֶּערְלָאזְן דֶעם טָאג מִיט גָארְנִישְׁט, בֶּעט זִיךְ אוֹיס, רַייס אַיין פַאר דִיר אוּן פַאר עַם יִשְׂרָאֵל.

אַ גוּט קְוִויטְל.

...

**מֶען טַאנְצְט אַז מִיר הָאבְּן אַ בַּאשֶׁעפֶּער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב חַג הַסֻּכּוֹת, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֵיל שְׁמִינִי עֲצֶרֶת טַאנְצְט מֶען מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען שְׁפְּרִינְגְט אַז מִיר הָאבְּן אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוּן מִיר הָאבְּן אַ תּוֹרָה; עֶס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל מַלְאָכִים פוּן יֶעדֶע טַאנְץ, אוּן אַז מֶען שְׁוִויצְט - אִיז דָאס אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ, וָוען מֶען טַאנְצְט מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען הָאט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט - צוּ שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ וָוען מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט זָאל מֶען גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הֵיכָל פַאר אַ תִּיקוּן. דִי זַאךְ הָאט מֶען גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵּין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמה), עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם עֶר זָאל שְׁוֶוערְן בִּנְקִיטַת חֵפֶץ אַז גְלַייךְ וָוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט זָאל עֶר קוּמֶען צוּ אִים אוּן עֶר וֶועט אִים מְתַקֵּן זַיין.

מוֹהֲרְנַ"ש זָאגְט, מַה דָאךְ מֶען קֶען פוֹעֵלְ'ן אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן וֶוערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, קֶען מֶען דָאךְ זִיכֶער פוֹעֵלְ'ן אַז אוֹיף דִי וֶועלְט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְפַאלְן וֶוערְן, מֶען זָאל בְּלַייבְּן צוּגֶעקְנוּפְּט אוּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם

רֶבִּי'ן; אוֹי וִוי מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם בֶּעטְן, אוֹי וִוי מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם נִיסִים, אַז מֶען זָאל בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי דוֹרוֹת.

שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אִינְדֶערְפְרִי בֶּעט מֶען אוֹיף רֶעגְן. זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דֶעק זִיךְ אִיבֶּער מִיטְן טַלִית אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה; וֶוען מֶען בֶּעט: "בַּעֲבוּרוֹ אַל תִּמְנַע מָיִם", בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, בִּזְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, "בְּצִדְקוֹ" אִין זֵייעֶרֶע זְכוּתִים, "חֹן חַשְׁרַת מַיִם", זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן גֶעבְּן פַּרְנָסָה.

בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט שִׂמְחַת תּוֹרָה קַיין שׁוּם מָאדֶנֶע זַאכְן, מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין חוֹזֶק פוּן דָאס דַאוֶוענֶען.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב.

...

### נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה וֶועט אַייךְ בַּארוּאִיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שוֹידֶערְלִיכֶע נֵייעֶס, אַז רוֹצְחִים אַרַאבֶּער זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶע'שָׁחְטְ'ן הוּנְדֶערְטֶער אִידְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן גֶעפַאנְגֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן, קִינְדֶער אוּן עֶלְטֶערֶע אִידְן; פוּן אִינְמִיטְן יוֹם טוֹב וֶוען דִי נֵייעֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז - הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין מְנוּחָה.

מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (תְּהִלִּים קכז, א): "אִם ה' לֹא יִשְׁמָר עִיר", אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט נִישְׁט דֶעם שְׁטָאט, "שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵר", אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד דִי הִיטֶערְס; דָאס זֶעט מֶען יֶעצְט, וֶוען זֵיי בַּארִימֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶר מִילִיטֶער, מִיט זֵייעֶר קְלוּגְשַׁאפְט, מִיט כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי, זָאל אַזוֹינְס פַּאסִירְן; עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צֶוענְדְלִיגֶער שָׁעוֹת וָואס אַרַאבֶּער זָאלְן גֵיין פוּן הוֹיז צוּ הוֹיז אוּן אוֹיסְ'שֶׁחְטְ'ן טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַוַדַּאי דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן דִי רוֹצְחִים, אוּן אַז עֶס אִיז אַ צַייט פוּן

מִלְחָמָה - דַארְף מֶען טוּן וָואס מֶען קֶען זִיךְ צוּ הִיטְן, אָבֶּער זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן קַיין אֵיין רֶגַע אַז דִי שׁוֹמְרִים - זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן; נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר הֶעלְפְט אוּן עֶר וֶועט אוּנְז רַאטֶעוֶוען.

מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה. גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט זִיךְ פַארְלִירְן, הִיט אוֹיף עֶנְקֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת, זֶעט עֶס זָאל זַיין רוּאִיג אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין רוּאִיג. הֶערְט נִישְׁט דִי נֵייעֶס, נָאר אַבִּיסְל וִויפִיל עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ וִויסְן, אָבֶּער נִישְׁט זִיצְן אוֹיף דִי נֵייעֶס, וַוייל זֵיי וַוארְפְן אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר דַאוֶונֶען פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְוואוּנְדֶעט גֶעוָוארְן זָאלְן הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אוּן אַלֶע גֶעפַאנְגֶענֶע וָואס זֶענֶען בַּיי דִי הֶענְט פוּן דִי רוֹצְחִים - זָאלְן בַּאפְרֵייט וֶוערְן.

זִינְגְט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה דָאס וֶועט אַייךְ בַּארוּאִיגְן.

...

### פַאלְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַ בֶּהָלָה, אִין אַ פַּאנִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה, וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף דִי קִינְדֶער מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ בֶּהָלָה. מֶען הָאט יֶעצְט הוֹשַׁעְנָא רַבָּה גֶעבֶּעטְן: "הוֹשַׁעְנָא, נֶפֶשׁ מִבֶּהָלָה הוֹשַׁעְנָא"; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה, אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין פַּאנִיק.

מִיר זֶענֶען אַלֶע מִתְפַּלֵל אַז אַלֶע וָואס זֶענֶען לֵיידֶער גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן זָאלְן הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אוּן דִי גֶעפַאנְגֶענֶע זָאלְן בַּאפְרֵייט וֶוערְן.

דִי אַלֶע וָואס בַּארוּמֶען זִיךְ 'אוּנְזֶער מִילִיטֶער, אוּנְזֶערֶע טַאנְקֶען,

אוּנְזֶערֶע שְׁפִּיָאנֶען׳; יֶעצְט זֶעט מֶען ווִי פַארְשֶׁעמְט זֵיי זֶענֶען, נִישְׁטָא קֵיין כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי, "אִם ה׳ לֹא יִשְׁמָר עִיר, שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵר" (תְּהִלִּים קכז, א), מִיר דַארְפְן זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶר אִיז אוּנְזֶער הִיטֶער.

אַשְׁרֵינוּ אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַ גַאנְץ יָאר דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן וֶוען עֶס קוּמְט שְׁוֶועֶרֶע טֶעג - דֶעמָאלְט זֶעט מֶען אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים זֶענֶען נִישְׁט קֵיין פְּלִיטֶעס, מֶען אִיז נִישְׁט פַארְלוֹירְן, מֶען הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, מֶען בְּלַייבְּט מִיט אַ יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַדִיק אֱמֶת וֵוייסְן נִישְׁט ווִי זִיךְ צוּ רִירְן אִין לֶעבְּן מֵרֹב פַּחַד וּבֶהָלָה; דָאס דַארְף אוּנְז גֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ צוּ גֵיין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, עֵצוֹת - פַאר אַלֶעמֶען.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

...